נומער 16

<u>עקזעקיוטיוו באפעל</u>

**צו פארבאטן סטעיט אגענטורן און אויטאריטעטן דאס קאנטראקטירן מיט ביזנעסער וועלכע פירן געשעפטן אין רוסלאנד**

**אזוי ווי,** רוסלאנד האט זיך באשעפטיגט אין אן אומריכטיגע און אומפראוואצירטע אטאקע אויף דעם זעלבסטשטענדיגן נאציאן פון אוקראינא;

**אזוי ווי,** דער סטעיט ניו יארק איז דער וואוין-ארט פון דער גרעסטער אוקריינישער באפעלקערונג אין די פאראייניגטע שטאטן;

**אזוי ווי,** ניו יארק שטייט פעסט מיט אוקראינא און פארדאמט רוסלאנד׳ס שריטן קעגן אוקראינא;

**אזוי ווי,** אום פעברואר 27, 2022, האב איך אונטערגעשריבן עקזעקיוטיוו באפעל 14, צו פארבאטן פאר סטעיט קערפערשאפטן דאס קאנטראקטירן אדער אינוועסטירן מיט ביזנעסער הויפטקווארטירט אין רוסלאנד אדער וואס זייערע הויפט געשעפטן ווערן אנגעפירט אין רוסלאנד, דורכדעם פעסט אוועקשטעלנדיג דער סטעיט׳ס זיך אנטזאגן פון ביישטייערן צו די רציחות וועלכע קומען פאר קעגן דעם אוקראינישן פאלק;

**אזוי ווי,** דער סטעיט וועט נישט ערלויבן דורך אירע אקטיוויטעטן צו זיין אן אנטיילנעמער אין דעם מארקפלאץ וואס שטיצט אן אומבארעכטיגטער קריג דורך רוסלאנד און די רציחות אויף אומשולדיגע אוקריינער;

**אזוי ווי,** באשיצן ניו יארק פון פינאנצירן דיסקרימינאציע קעגן דעם אוקראינישן פאלק איז א נויטיגע סטעיט אינטערעס;

**אצינד, דעריבער,** טו איך, קעטי האוקול, גאווערנער פון דעם סטעיט ניו יארק, איצט באפעלן, אין קראפט ביז אזא צייט וואס די סאנקציעס ארויפגעשטעלט דורך דער פעדעראלער רעגירונג זענען מער נישט אין קראפט, ווי פאלגענד:

1. באדייטן:
   a. ״אפעקטירטע סטעיט קערפערשאפטן״ מיינט (i) אלע אגענטורן און דעפארטמענטס איבער וועלכע דער גאווערנער האט עקזעקיוטיוו אויטאריטעט, און (ii) אלע פובליק-בענעפיט קארפארעישענס, פובליק אויטאריטעטן, באורדס, און קאמיסיעס, פאר וועלכן דער גאווערנער באשטימט דעם פארזיצער, דער הויפט עקזעקיוטיוו, אדער די מערהייט פון באורד מיטגלידער, אויסער דער פארט אויטאריטעט פון ניו יארק און ניו דזשערזי.

   b. א ״קערפערשאפט וועלכע פירט אן ביזנעס אפעראציעס אין רוסלאנד״ באדייט אן אינסטיטוציע אדער קאמפאני, וואו אימער עס געפונט זיך, וואס פירט אויס סיי וואספארא קאמערציעלע אקטיוויטעטן אין רוסלאנד אדער מאכט ביזנעס געשעפטן מיט דער רוסישער רעגירונג אדער מיט קאמערציעלע קערפערשאפטן הויפטקווארטירט אין רוסלאנד אדער וואס זייערע הויפט געשעפטן ווערן אנגעפירט אין רוסלאנד צי אין קאנטראקטירן, פארקויפן, קויפן, אינוועסטירן אדער סיי וועלכע ביזנעס שותפות.

2. אלע אפעקטירטע סטעיט קערפערשאפטן ווערן פאראדערט זיך צוריקצוהאלטן פון שליסן סיי וואספארא נייע קאנטראקט אדער באנייען סיי וועלכע עקזיסטירנדע קאנטראקט מיט א קערפערשאפט וואס פירט אן ביזנעס אפעראציעס אין רוסלאנד.

3. אפגעזען די פארגייענדע, מעג סיי וועלכע אפעקטירטע סטעיט קערפערשאפט קאנטראקטירן מיט א קערפערשאפט וואס פירט אן ביזנעס אפעראציעס אין רוסלאנד אויפ׳ן באדינג אז דער הויפט פון דער אפעקטירטער סטעיט קערפערשאפט וועט באשטימען שריפטליך אז די אינוועסטירונג אדער קאנטראקט איז נויטיג פאר דעם אפעקטירטן סטעיט קערפערשאפט

אויסצופירן אירע פונקציעס און אז עס געפונט זיך נישט קיין אנדערע פאסיגע אינוועסטירונג אדער קאנטראקטירונג ברירה.

4. די קאמיסיאנער פון דעם אפיס פאר גענעראלע סערוויסעס זאל אוועקשטעלן אנווייזונגען פאר אפעקטירטע סטעיט קערפערשאפטן אין אפשאצן די פאדערונגען פון דעם באפעל און באשטימען די אנווענדליכקייט אויף פאטענציעלע קאנטראקטן.

ג ע ג ע ב ן אונטער מיין האנט און דער פארהאלטענער זיגל פון

דעם סטעיט אין דער שטאט אלבאני דעם

זיבעצנטן טאג אין מערץ אין דעם יאר צוויי

טויזנט צוויי און צוואנציג.

דורך דער גאווערנער

סעקרעטאר פאר דעם גאווערנער